# Mit A Nodl — מיט א נאדל




Mit a nodl , on a nodl
Ney ikh mir bekoved godl (bis)

מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל,
ניי איך מיר בכּבֿוד גדול [2].

Un az ikh hob a nodl mit a fodem,
Ney ikh mir di sheynste begodim.

און אַז איך האָב אַ נאָדל מיט אַ פֿאָדעם,
ניי איך מיר די שײנסטע בגדים.

Mit a nodl ,on a nodl ,
Ney ikh mir bekoved godl (bis).

מיט אַ נאָדל ,אָן אַ נאָדל ,
ניי איך מיר בכּבֿוד גדול [2].

Un az ikh hob a nodl mit a fingerhut,
Leb ikh op, mayn velt barut.

און אַז איך האָב אַ נאָדל מיט אַ פֿינגערהוט
לעב איך אָפּ מײַן וועלט באַרוט.

Mit a nodl, on a nodl ,
Ney ikh mir bekoved godl (bis).

מיט אַ נאָדל אָן אַ נאָדל
ניי איך מיר בכּבֿוד גדול [2]

Abi ikh nem di sher un ayzn,
Ken ikh mayn vayb un kinder shpayzn.

אַבי איך נעם די שער און אײַזן ,
קען איך מײַן װײַב און קינדער שפּײַזן

Mit a nodl ,on a nodl ,
Ney ikh mir bekoved godl (bis)

מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל ,
ניי איך מיר בכּבֿוד גדול [2].

Ikh farleyg a fus, oyf a fus,
Un zing mir a lidele tsuker- zis.

איך פֿאַרלייג אַ פֿוס אויף אַ פֿוס
און זינג מיר אַ לידעלע צוקער- זיס

Mit a nodl on a nodl
Ney ikh mir bekoved godl (bis)

מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל,
ניי איך מיר בכּבֿוד גדול [2].